# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות...................4:15
מוצאי שב"ק.....................5:47

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................מלכים-ב י"ז-י"ח
בבלי.........................מגילה י"ג
ירושלמי...............קידושין כ"א
תוספתא............בבא מציעא ב'
רמב"ם........................מעילה ז'


פרשת שמות, כ"א טבת, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 17 (532)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיַּעַן מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בַּיים סְנֶה אוּן אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין קַיין מִצְרַיִם אוּן אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי אִידְן וֶועלְן אִים נִישְׁט גְלוֹיבְּן אוּן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁלַאנְג אוּן דֶערְנָאךְ אָנְגֶעכַאפְּט זַיין וֵוידֶל אוּן עֶס צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ שְׁטֶעקְן, אוּן אוֹיךְ אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אִין טַאשׁ אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג אוּן דֶערְנָאךְ נָאכְאַמָאל אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי הַאנְט אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

מֶען קֶען דָא מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, י') "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז מְ'דַארְף דָן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז מַמָּשׁ אַ רָשָׁע, דַארְף מֶען זוּכְן אוּן טְרֶעפְן אִין אִים עֶפֶּעס אַבִּיסְל גוּטְס, וָואס בַּיי יֶענֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'טְרֶעפְט דָאס בִּיסְל גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, מְ'אִיז אִים דָן לְכַף זְכוּת, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט יֶענֶער בֶּאֱמֶת גוּט, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען יֶענֶעם מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין. דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק אָן, "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע", אוֹיב וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי קְלֵיין בִּיסְל גוּטְס בַּיי וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶר שׁוֹין נִישְׁט דֶער שְׁלֶעכְטֶער רָשָׁע וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶוען, עֶר אִיז שׁוֹין יֶעצְט בֶּעסֶער גֶעוָוארְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מְ'דַארְף אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית", דֶער רֶבִּי רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵיינֶעם וָואס זוּכְט אָפְּצוּפִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוֹיף אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ טָאר מֶען נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין, אָבֶער אַ אִיד וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ גֶעפַאלְן גָאר וַוייט, עֶר אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ אַ רָשָׁע גָמוּר, דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ זוּכְן בַּיי אִים עֶפֶּעס גוּטְס, אוּן מִיט דֶעם אִים מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין.

דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָנְצוּקוּקְן אַ צְוֵייטְן לוֹיט רוֹב פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן אוֹיב זֶעט מֶען אַז יֶענֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט, פַּסְקְנְ'ט מֶען יֶענֶעם אָפּ אַלְס אַ רָשָׁע, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז מְ'קֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס גוּטְס בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן אַ צַדִּיק וָואס זוּכְט אוֹיף דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אִיד, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר אִים אִינְגַאנְצְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען מַסְבִּיר זַיין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי אִידְן, אַז זֵיי וֶועלְן אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אוּן נִישְׁט גְלוֹיבְּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָואלְט וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט אַ רִיכְטִיגֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, אַז מְ'דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי אִידְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט אַרָאפְּצוּוַוארְפְן דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁלַאנְג. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז עֶר וִוי אַ טְרוּקֶענֶער בּוֹים, אַ פָּשׁוּטֶער שְׁטֶעקְן, אָבֶער עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים אַוֶועקְוַוארְפְן, בַּאשְׁלִיסְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד אוּן אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאס וֶועט אִים אָבֶער נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַ שְׁלַאנְג, עֶר וֶועט וֶוערְן אַ מֵסִית וּמֵדִיחַ וָואס וֶועט אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן נָאךְ אִידְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט זַיין מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. אָדֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶע וֶועג, דֶער וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, צוּ אוֹיסְשְׁטְרֶעקְן דִי הַאנְט אוּן אִים אָנְכַאפְּן בַּיים וֵוידְל, פְּרוּבִּירְן צוּ טְרֶעפְן בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, אֲפִילוּ סְ'אִיז מַמָּשׁ אַ גָארְנִישְׁט, מַמָּשׁ אַ וֵוידְל, אָבֶער אַז מְ'כַאפְּט זִיךְ אָן אִין דִי גוּטֶע זַאךְ וֶועט עֶר צוּרִיק וֶוערְן אַ שְׁטֶעקְן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר צוּרִיק וֶוערְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בּוֹים וָואס גֶעבְּט אַרוֹיס גֶעשְׁמַאקֶע פְרוּכְט, אוּן יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אִים.

<<<<<<

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיב וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס וִויל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען וִויל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ'ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָּאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיב וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז

<<<<<<

# א גוט ווארט

שְׁטַארְקְט אַייךְ, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; לָאזְט נִישְׁט אַרַיין בַּיי עֶנְק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוערְט נִישְׁט פַארְכַאפְּט אִין סְפֵיקוֹת: 'וָואס גֵייט זַיין? וֶוען וֶועט עֶס זַיין? וֶוער זָאגְט עֶס גֵייט זַיין?' מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶע סְפֵיקוֹת קוּמְט פוּן טֻמְאַת עֲמָלֵק, עֲמָלֵק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵק, עֶר מַאכְט דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת פוּן (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; דֶער רֶבִּי קֶעמְפְט מִיט עֲמָלֵק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא", יְשׁוּעַת ה' כְּהֶרֶף עַיִן! חַזַק, חַזַק, וְנִתְחַזֵּק!

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם
## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ
יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת,
שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גוּטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים – אִיז חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דַייט זֵיי טוּעֶן דִי עֵצָה; מֶען טְרַאכְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִינְגְט זִיךְ אַ נִיגוּן פוּן אֱמוּנָה אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הֵייבְּט אָן מִיט טְרַאכְטְן פוּן אֱמוּנָה, אוּן אוֹיבּ דִי פְּחָדִים וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער הֵייבְּט מֶען אָן זִינְגֶען צוּ זִיךְ אַ נִיגוּן, אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִינְגֶען אוֹיפְ'ן קוֹל, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וואו מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ. מֶען זִינְגְט צוּ זִיךְ: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ"; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יא): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק זָאל זִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים.

אוֹיבּ דִי פְּחָדִים וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, עֶס גֵייט נִישְׁט אַוֶועק – גֵייט מֶען צוּ תְּפִילָה וּבַקָּשָׁה; מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיט מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּם מִיט מִיר"; דָאס בַּארוּאִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע אוּמְזִיסְטֶע פְּחָדִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ב)

---

>>>>>>

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער צְוֵוייטֶער צֵייכְן, אוֹיבּ לֵייגְט מֶען אַרַיין דִי הַאנְט אִין טַאשׁ, מְ'זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּשְׁטְרֶעקְן דִי הַאנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד אִים צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען קְרֶעצִיג, אָבֶּער אַז מְ'נֶעמְט אַרוֹיס צוּרִיק דִי הַאנְט פוּן טַאשׁ, מְ'שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ וֶוען סְ'אִיז שְׁוֶוער, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל.

אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה אַז דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט זִיךְ אַלְס אַ רָשָׁע גָמוּר, עֶר זֶעט אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף עֶרְלִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ זוּכְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט יָא, אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁמוֹת תשס"א)

---

>>>>>>

זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב".

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען הַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער מִיט דֶעם זַיין גַאנְצֶע הַארְעוַואנְיֶע. עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, וַוייל סַיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן, קֶען עֶר אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם זוּכְן אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ זוּכְן. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַארְ'ן סַמַ"ךְ מֵ"ם אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן עֵצָה. דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה...

אוּן דִי עֵצָה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס, אַז מֶען וֶועט לַאכְן... מֶען וֶועט אוֹיסְלַאכְן דִי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ סְפָרִים, מֶען וֶועט חוֹזֵק מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי עֵצָה אַרְבֶּעט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט... וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת'דִיגְן בְּלִיק, זֶעט עֶר אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵק אַ אִיד אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" פַאר זַיין פָּאטֶער. אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר אוּן גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְקוּת, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג צוּ מְחַזֵק זַיין נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ הַפָּצָה וְעֶרֶךְ הִתְחַזְקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)

---

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵוילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער.**

**תסט**

**דָאנֶערְשְׁטָאג**, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּי'נְ'ס טָאכְטֶער שָׂרָה, דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע. דִי חוּפָּה אִיז גֶעוֶוען דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, אוּן נָאךְ דִי חוּפָּה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן מָשִׁיחַ, אוּן מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר אִיז מְרַמֵּז אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי טָאכְטֶער שָׂרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט אַסַאךְ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט מִיר, וֵייס אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער דָאס הָאבּ אִיךְ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער גוֹאֵל צֶדֶק זָאל זַיין פוּן מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ!", אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן מִיט גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת זַיינֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵיי זֶענֶען טַייעֶרֶע בֵּיימֶעלֶעךְ, אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְוַואקְסְן פוּן זֵיי גוּטֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע פֵּירוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער פוּן עוֹלָם הָאֲצִילוּת.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט, "אַלֶעס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט טוּן גוּטֶע זַאכְן מִיט דִי אִידְן, קֶען אִיךְ אוֹיךְ טוּן, דֶער חִילוּק אִיז נָאר אַז מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין, אָבֶּער אִיךְ...", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט.

[טֵייל זָאגְן אַז דֶער אוֹיסְפִיר אִיז, "...אָבֶּער אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיסְפִירְן אוּן עֶנְדִיגְן". אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַן אַנְדֶערֶער אוֹיסְפִיר, "...בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער קַיין בְּחִירָה, מֶען וֶועט מוּזְן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה"]

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דָארְט, "דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אֲפִילוּ מָשִׁיחַ אַלֵיין וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן". דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט בְּרַבִּים פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

שְׁפֶּעטֶער בַּיי דִי חֲתוּנָה אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן. דֶער פוֹיקֶער דָארְט בַּיי דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִים פַארְשִׁיקְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיגוּן, אוּן עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז מִיט דֶעם נִיגוּן הָאט עֶר גֶערוּפְן צוּ דִי חֲתוּנָה אַלֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן זַיין זֵיידֶע הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, אוּן זַיין מַאמֶע דִי צַדֵּיקֶת, וַוייל בַּיי אַ

<<<<<<

>>>>>>
חֲתוּנָה קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן זֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

**תע**

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ נִיסָן,** בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע תּוֹרָה, אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים י״ט, ה׳) ״לַשֶּׁמֶשׁ שָׂם אֹהֶל בָּהֶם״, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מ״ט.

בִּשְׁעַת׳ן זָאגְן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים י״ט, ו׳) ״וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ״, אוּן דָארְט אִיז מְרוּמָּז חוֹדֶשׁ נִיסָן, שָׂרָה, יִצְחָק, כַּלָּה, אוּן חֲתוּנָה, וְכוּ׳. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי תּוֹרָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְז, נָאר צוּלִיבּ דִי גְזֵירוֹת, וָואס מְ׳רוּפְט פוּנְקְטְן, וָואס מְ׳הָאט גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט פוּן דֶעם צוּ נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער, אוּן דָארְט אִין דִי תּוֹרָה רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן דֶעם עִנְיָן מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי גוֹיִם, ״כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל הַגּוֹיִם״ (יִרְמְיָה ל׳ י״א), ״דְּאָכְלֵי כֹּלָּא וְשָׁצֵי כֹּלָּא״, ״וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים״ וְגוֹ׳ (דְּבָרִים ד׳, ד׳), קוּק גוּט אַרַיין דָארְט אִין דִי תּוֹרָה, אוּן פַארְשְׁטֵיי וָואסֶערֶע טִיפֶע אוּן גָאר הוֹיכֶע זַאכְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט.

**תעא**

**יוֹם טוֹב פֶּסַח** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֵויילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט מִיטְ׳ן רֶבִּי״ן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר נָאר מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם גֶעסְט בַּיים סֵדֶר, צוּ מְקַיֵּים זַיין כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ יָאר דֶעם ״וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ״ (דְּבָרִים ט״ז, י״ד).

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ׳ן גַאנְצְן מִנְיָן אִינֶעם אִינֶעוֵוינִיגְסְטְן שְׁטוּבּ, אוּן אִינֶעם דְרוֹיסְנְדִיגְן שְׁטוּבּ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן בַּיים סֵדֶר טִישׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן בֶּענְטְשְׁט הַלֵּל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״וואוֹיל אִיז פַאר דִי מַאמֶע וָואס הָאט אַזַא זוּן!״

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין נָאכְ׳ן דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרִיבֶּערְגֵיין דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּבּ, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן זִיצְן בַּיים סֵדֶר טִישׁ. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועזְן מִיט דֶעם, אַז עֶר הָאט כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זֶען דֶעם רֶבִּי״ן זִיצְן בַּיים סֵדֶר.

[וַוייל אִין אַנְדֶערֶע יָארְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים רֶבִּי״ן צוּלִיבּ דִי פִילֶע מְנִיעוֹת, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר מְמֵילָא גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי״ן אוֹיף פֶּסַח. טֵייל זָאגְן אַז רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא אָפְּצוּרֶעכְטְן דֶעם סֵדֶר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעאַיילְט אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען וַוארְטְן בַּיים טִיר פוּן רֶבִּי״ן, אוּן וֶוען מְ׳הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר צוּ ״שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ״, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט זִיצְן בִּיז נָאכְ׳ן סֵדֶר.]

פָאְרזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

>>>>>>
האלט שוין אן פאר איבער צען יאר אן אפשטעל. יעדן שבת און יום טוב ערשיינט דער גליון אנגעפילט מיט א רייכער תוכן און שיינע שפראך, און איז מחיה און מחזק צענדליגע טויזנטער אידן איבער די וועלט בלי שום גוזמא.

היינט צו טאגס ווערט דער גליון געדרוקט אין צענדליגע טויזנטער קאפיעס, און אזוי אויך ווערט עס צושיקט פאר צענדליגע טויזנטער אויף פאסט און אויף בליץ-פאסט איבער די גאנצע וועלט, ווי אויך ווערט עס איבערגעטייטש און געדרוקט יעדע וואך אויך אין לשון הקודש און אין ענגליש, און אידן איבער די וועלט דרוקן עס ארויס בכל מקומות מושבותיהם און לייגן עס אין די לאקאלע שולן, יעדער אין זיין שטאט און געגנט.

די מפיצים זענען זיך מחיה מיט די גליונות, זאגנדיג אז דאס איז פון די גרינגסטע זאכן מפיץ צו זיין, ווייל ווי שוין דערמאנט, זענען גליונות אין שולן א זייער אנגענומענע זאך, און רוב שולן האבן גליונות פון פילע קהילות קדושות בישראל, און די מפיצים זאגן אז אויב זיי פארפאסן נאר איין וואך פון לייגן די גליונות אין זייערע קביעות׳דיגע שולן באקומען זיי תיכף נאך שבת א רוף פון די גבאים מיט א טענה אז דער עולם האט געזוכט שבת דעם ברסלב׳ער גליון, מען קען נישט אויסלאזן קיין איין וואך.

אין א פרייליכע אנטוויקלונג, איז יעצט צוגעלייגט געווארן אן אפציע אז גבאים פון בתי מדרשים און מפיצים וואס ווילן באקומען יעדע וואך א גרעסערע קוואנטום גליונות היכל הקודש צוגעשיקט צו זייער טיר פאר א מינימאלער אפצאל, קענען יעצט רופן דעם קרן הדפסה אויף 718-387-2961 עקסטענשאן 102, וואו מען וועט זיך קענען איינשרייבן.

פריוואטע מענטשן וואס ווילן באקומען דעם גליון צו זיי אהיים יעדע וואך אויף די פאסט, ווי אויך די אנדערע גליונות, "עצתו אמונה", "קרית ברסלב בלעטל", "בית נצחי", "גליון סיפורי מעשיות" און נאך, קענען אריינצורופן צום קרן הדפסה אויף 718-387-2961 #3 אדער דורך אימעיל subscribe@kerenhadfusa.org.

צו באקומען די גליונות אויף אימעיל קען מען זיך איינשרייבן ביי breslevcenter@gmail.com.

**אז דאס בלעטל איז אויף דיר מגין, דארפסטו פון גארנישט מורא האבן!**
**(סיפורי מעשיות, מעשה ז)**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## קֶען אִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַארְבָּארְגְטֶע גֶעלְט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שַׁבָּת גִּלְיוֹנוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אַלֶע חִיזוּק דְרָשׁוֹת, אִיךְ לֵיין זֵיי אַלֶע דוּרְךְ אוּן בָּרוּךְ ה׳ עֶס גֶעבְּט מִיר מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק, עֶס בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ׳הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אִין מַיין שָׁלוֹם בַּיִת. אִיךְ ווִיל וִוינְטְשְׁן פַארְ׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן מַיין טִיפֶע וֵוייטָאג פוּן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דְרֵייט זִיךְ בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר הֶעלְפְן. גֶעוֶוען אִיז עֶס פַאר בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אֵיין פְרֵייטָאג נָאכְמִיטָאג מַמָּשׁ נָאנְט צוּם זְמַן רוּפְט עֶר מִיךְ אָן וֵויינֶענְדִיג אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן אַז עֶר מוּז רֶעדְן מִיט מִיר פָּנִים אֶל פָּנִים, זָאג אִיךְ אִים אַז עֶר קֶען אַרִיבֶּערְקוּמֶען, עֶר קוּמְט אַרִיבֶּער אוּן עֶר וֵויינְט צוּ מִיר מִיט זַיין בְּנֵי בַּיִת אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן אַז זַיין הוֹיז דַארְף יֶעצְט גֵיין אוֹיף אוֹיסְפַארְקוֹיף דוּרְךְ דִי בַּאנְק (פָארְקְלָאזְשֶׁער), אוּן עֶר דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער $10,000 צוּ עֶס שְׁנֶעל דֶעקְן. אִיךְ זָאג אִים אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מִיר יֶעצְט. אָבֶּער עֶר לֵייגְט מִיךְ בֶּאֱמֶת אַרַיין אִין אַ מַצָּב, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ צֶעטְל אוּן עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אוּנְטֶער אַז בִּיז אַ חוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ צוּרִיק דָאס גֶעלְט.

בְּלֵית בְּרֵירָה הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט אוּן אִים גֶעבָּארְגְט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ צְוֵויי דְרֵיי, אוּן עֶר הֵייבְּט מִיר נִישְׁט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאן. בִּיז נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים הֵייבְּט עֶר אוֹיף אוּן עֶר שְׁרֵייט מִיךְ אָן פַארְ׳ן אִים נָאכְלוֹיפְן פַאר דִי גֶעלְט וֶוען אִיךְ וֵייס אַז עֶר אִיז גֶעדְרִיקְט אִין גֶעלְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן רוּאִיג מִיט אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים אִיךְ רוּף אִים נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט אִים צִי אֶפְשָׁר קֶען מֶען מַאכְן אַ פְּלַאן צוּ בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ, פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, זָאגְט עֶר מִיר אַז סְ׳אִיז צוּ סַאךְ גֶעלְט, בִּין אִיךְ אַרָאפּ בִּיז צוּ פוּפְצִיג דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, זָאגְט עֶר מִיר אַז אֲפִילוּ דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט בִּכְלַל נִישְׁט בַּיים בַּאצָאלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, וַוייל עֶר גֵייט זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין עַרְכָּאוֹת, אִיךְ וֵייס נִישְׁט צִי מְ׳מֶעג. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ קֶען אֶפְשָׁר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְן צוּ אִים אוּן זֶען עֶר זָאל מַאכְן מִיט מִיר עֶפֶּעס אַ פְּלַאן אָנְצוּהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ בַּאצָאלְן. אִיךְ דַארְף בֶּאֱמֶת שְׁטַארְק דִי גֶעלְט, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעדְרִיקְט.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דֶערְפַאר, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר אַרוֹיס הֶעלְפְן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אַז אַזַא מַעֲשֶׂה קֶען פַּאסִירְן בַּיי דִיר, אִיךְ רֶעד נִישְׁט גֶענוּג פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן; וָואלְט אִיךְ מֶער גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן מֶער גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם - וָואלְסְטוּ נִישְׁט פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן פַאר זַיינֶע טְרֶערְן, עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי דִיר.

מוֹהֲרַ״שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ, מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן פַארְבְּרֶעכֶערְס וָואס מַאכְן זִיךְ וִוי אַ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<<

רַחֲמָנוּת און אַזוֹי טוּעֶן זֵיי בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן.

מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וויפִיל גֶעלְט מִיר הָאבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְטוּן פַּאר מִשְׁפָּחָה אָדֶער קְרוֹבִים מִיט וויפִיל אֵייגֶנְס מֶען הָאט. אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וְויפִיל הָאסְטוּ? וויפִיל מַאכְסְטוּ?" זָאל מֶען אַלְץ עֶנְטְפֶערְן: "גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן צוּ דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ" - עֶנְטְפֶערְן פַּארֶעוֶוע, נִישְׁט מֶען זָאל דִיר אָנְקוּקְן ווִי אַ רַחֲמָנוּת און נִישְׁט מֶען זָאל זוּכְן אַרוֹיסְצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען דִי גֶעלְט, און וֶוען אֵיינֶער וִויל בָּארְגְן גֶעלְט זָאל מֶען טְרַאכְטְן וויפִיל גֶעלְט מֶען וָואלְט יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן פַּאר צְדָקָה, אַזוֹיפִיל קֶען מֶען יֶענֶעם פַּארְבָּארְגְן.

מַיין נִישְׁט אַז יֶעדֶער וָואס זָאגְט עֶר אִיז אַ חֵלֶק פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" - אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי; עֶר דְרֵיידְט זִיךְ נִיטְאָמָאל דָא, עֶר פַּארְקוֹיפְט פַאר דִי גַאס אַז דָא אִיז זַיין פְּלַאץ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר נִישְׁט דָא, עֶר הָאט מוֹרָא צוּ קוּמֶען דָא. אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ דָא גֶעדְרֵיידְט, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דָא אִיז אַ פְּלַאץ וָואס מֶען דַארְף פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טוּן מוֹהֲרַא"ש'ס שְׁלִיחוּת בְּנֶאֱמָנוּת, מוֹהֲרַא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן קַיין מוּפְקָרִים בַּיי אוּנְז, אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט וָואס אִיךְ קֶען דָאס צוּ מְקַיֵּים זַיין.

אֵיין עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר: בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר בַּאצָאלְן, און דוּ רוּף אִים יֶעדְן טָאג, שִׁיק אִים יֶעדְן טָאג אַ מֶעסִידְזְשׁ עֶר זָאל דִיר בַּאצָאלְן, און אִיךְ זָאג דִיר שׁוֹין ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט זַיין; עֶר גֵייט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף אִים כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן אַ רַחֲמָנוּת, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג און אִים מְוַותֵּר זַיין דֶעם חוֹב; זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק און נִישְׁט וֶוערְן פַּארְלוֹירְן, שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר בֶּעט אִים כְּסֵדֶר, און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין גֶעלְט.

און אוֹיף וַוייטֶער זָאל דָאס זַיין פַּאר דִיר אַ לִימוּד מֶער נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ב)

## זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק בן פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# דינגען בעטן אויף ראש השנה אין אומאן

מיר דערנענטערן זיך שוין צו חודש שבט, א צייט ווען דער הייליגער רבי נתן פלעגט אנהויבן ארומפארן מחזק זיין אנשי שלומינו זיך צו גרייטן אויף די נסיעה צו פארן צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט געוואלדיגע הבטחות אויף דעם.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ'שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אונטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ'וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר. ווען א מענטש הערט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות, וויל ער דאך זיכער קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, און מען זעט טאקע אז יעדעס יאר קומען צו נאך טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט מיטצוהאלטן דעם רבינ'ס ראש השנה אין אומאן.

אין די לעצטע עטליכע יאר, נאכ'ן באנייען דעם בנין היכל הקודש אין אומאן, איז עס גאר שנעל אנגעפילט געווארן, וויפיל שטאקן און בעטן מען לייגט צו כסדר, ווערט עס גלייך שנעל אנגעפילט, עס ווערט ברוך ה' נתרבה מער און מער תלמידים יעדעס יאר, און עס איז נישט מעגליך נאכצוקומען דעם גרויסן פארלאנג.

דעריבער איז באשלאסן געווארן אז דאס יאר וועט מען אי"ה אנהויבן שוין **פון ראש חודש שבט** צו פארדינגען בעטן אינעם בנין היכל הקודש פאר דעם קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג, און דאס וועט אנגיין **נאר ביז ראש חודש ניסן**, נאכדעם וועט די פרייז ארויפגיין צו טויזנט דאלער א בעט.

גרייט אייך באצייטנס צום ראש השנה ביים רבי'ן, און מאכט שוין אייערע פלענער צו דינגען א בעט אינעם בנין, ווי לאנג עס איז נאך דא צו באקומען, מיר ווילן נישט קענען גאראנטירן א בעט פאר קיינעם נאך ראש חודש ניסן הבעל"ט. צו דינגען א בעט רופט אין אמעריקע **347-452-1936**, אין ארץ ישראל **0548456150**.

גלייכצייטיג ווילן מיר דערמאנען וואס מיר האבן געמאלדן די פארגאנגענע וואך איבער דעם נייעם סערוויס דורך די בארימטע טראוול אגענטור "פלען איט רייט" אז מ'קען שוין יעצט אנהויבן אריינלייגן צוביסלעך געלט פאר אן עירליין טיקעט צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, רופט אריין 845-678-3555, און דרוקט עקסטענשאן 109.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

***

# בתי מדרשים קענען זיך איינשרייבן צו באקומען גליונות אויף פאסט

מיט איבער צען יאר צוריק, ווען דער גליון היכל הקודש האט אנגעהויבן ערשיינען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, איז עס בעיקר געמאכט געווארן נאר פאר אנשי שלומינו, מען האט עס געדרוקט בלויז פאר די בתי מדרשים היכל הקודש, אז תלמידי היכל הקודש זאלן האבן שיינע זאכן וואס צו רעדן ביים שבת טיש. קיינער האט דעמאלט נישט גע'חלומ'ט ווי ווייט דאס וועט דערגרייכן.

עס האט אבער נישט גענומען קיין סאך צייט ביז די גריסן האבן אנגעהויבן צוריק צו קומען, דער סוד איז אריבערגערינען פון איינעם צום צווייטן אז עס איז פארהאן א געשמאקער גליון, געשריבן אויף א לייכטע שפראך, מיט פראקטישע עצות און חיזוק אויפ'ן לעבן, זאכן וואס מ'קען נוצן טאג טעגליך ברוחניות ובגשמיות, נישט נאר וואס די קשיא ווערט פארענטפערט און דער פסוק שטימט, נאר אויך דער מענטש אליין הויבט אן צו שטימען, און פילע אידן פון אלע שיכטן און קרייזן האבן זיך צוגעכאפט דערצו ווי א דורשטיגער צו קאלט וואסער, מענטשן גלייכן זייער די פשוטע שפראך פונעם גליון, מען לייענט מיט אינטערעסע די געשמאקע עצות און חיזוק, און מען גרייט זיך צום שבת טיש מיט די שיינע תורות, מעשיות, און געדאנקען, מיט א למעשה'דיגער מוסר השכל.

דער געדאנק אז שולן לייגן ארויס גליונות פון פילע קהילות איז שוין דאן געווען א שטארק אנגענומענע זאך, און עס האבן תיכף אנגעהויבן אריינצוקומען פארלאנגען פון פארשידענע קהלות קדושות אז מען זאל עס ברענגען אויך ביי זיי אין בית המדרש.

אזוי האט זיך אנגעהויבן די הפצה פון די גליונות. אן הפצה וואס האט נישט זיינ'ס גלייכן, אן הפצה וואס

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אלימלך שארף** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שמעון קארדאזא** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## געב גוטע ווערטער

**מיט אפאר קליינע גוטע ווערטער קען מען אויפלעבן א איד, אים געבן חיזוק אנצוגיין פאר א לאנגע צייט**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1. 2. 1. 8. 1. 59**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב לזכות ישראל חיים אהרן בן רבקה וזו' רחל פראדל בת נחמה וכל משפחתם